# די באַרשט און דער קאַמאַש

קיש — קאַש!
ס'טאַנצט אַ באַרשט אויף אַ קאַמאַש!
שטאַרקער, שטאַרקער גייט דער טאַנץ
און אַלץ העלער ווערט דער גלאַנץ —
ס'איז צו קוקן אַ ציקאַווע!
דער קאַמאַש איז אָבער אַ בעל־גאווה:
אויף זײַן פּיסל טראָגט אים דער גביר רב הענעך,
אַרט אים (ניט רב הענעכן, נאָר דעם קאַמאַש גאָר מיין איך),
ס'שטייט די זאַך ניט אָן אים.
ווער סע שפּרינגט אים דאָ אין פּנים!
נאַ דיר, נו! אַ באַרשט, וואָס וואַלגערט זיך
ערגעץ דאָרט אין קיך!
ווערט ער מלא כּעס
און ער שרײַט מיט האַס:
„ס'איז דאָך, כ'לעבן, פון די בערשט ניט אויסצוהאַלטן!
זעט נאָר, ווי ער טאַנצט אין פּנים מיר, דער בחורעץ!
אײַ, וואָלט איך צו דר'ערד געטון מיט אים אַ זעץ
און אויף צווייען אים צעשפּאַלטן!"
„זײַט ניט ברוגז, רב קאַמאַש!"
ענטפערט אים די באַרשט, „מה רעש?
אַז דו קענסט אָן מיר ניט גלאַנצן,
מעג איך, ברודער, אויף דיר טאַנצן!"